**לע"נ ר' שלום ברוך יהודה זצ"ל בן אדמו"ר ר' יוסף יחיאל מיכל שליט"א**

אלה מסעי

אלה מסעי, די אלע וואלגערנישן,
על פי השם, דארפסטו וויסן,
אלס איז געווען ווערט,
אויסגערעכנט און באשערט,
אוועק גיין פון יארן קנעכטשאפט,
צו אייגענע הערשאפט,
מיט גלגולים אין ארץ ציה,
ביזן שפיץ פון הר המוריה,
אין מדבר א דור דעה,
לארצינו הרחבה והמלאה,
געפירט אויף די אקסלען פון ה',
באשיצט פון אלעמען, הצלתי אתכם,
אריין קיין ארץ ישראל,
געירש'נט בארג און טאל,
אזוי טוען מיר שטענדיג אויסקוקען,
בכליון עיניים, מיט האפענדע בליקן,
נאך וואנדערן צוויי טויזענט יאר,
מסעות שרעקליכע ביז גאר,
פון פיין אין יגון ואנחה,
הסתרה מתוך הסתרה כהלכה,
ביז אט דערזעהט מען זיך גאר,
מען רייבט די אויגן, איז דאס וואהר,
אידעלעך קומען שוין אהיים,
צו קישן די ערד, איר זאמד און שטיין,
הזורעים בדמעה בלוטיגע טרערן,
מען טוט זיך צו די מאמע אומקערן,
אם הבנים שמחה, מיט פרייד,
זי טוט אונז אויפנעמען און איז גרייט,
לקבץ נדחינו פון אלע עקן,
ווי א איד בלייבט נאר שטעקן,
ביז אונזער אויסלייזער וועט קומען,
די הנשארים צוזאמנעמען,
הנדחים בארץ מצרים,
די פארשטיפטע, די שריים,
הערט דעם קול שופר, אט באלד,
קערט א וועלט און שרייט געוואלד,
ביז עס קומט די ישועה,
ובאו לציון ברנה.